**עזרא פֿינינבערג**

1899 (אומאַן, אוקראַיִנע) – 1946 (מאָסקווע)



עזרא פֿינינבערג איז געווען אַ שרײַבער און איבערזעצער, וועמעס לידער זענען דערשינען אין פֿאַרשיידענע צײַטשריפֿטן און אַנטאָלאָגיעס. ער האָט פּובליקירט מער ווי 20 ביכער.
אַחוץ דעם איז ער געווען אַן אַקטיווער קולטורעלער און פּאָליטישער טוער: מיטגליד פֿון פֿאַרשיידענע סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס ווי אויך ליטעראַרישע גרופּעס, צווישן אַנדערע „ווידערוווּקס", אַ גרופּע יונגע דיכטער מיט דוד האָפֿשטיין בראָש.

אין עלטער פֿון 12 יאָר האָט פֿינינבערג אָנגעהויבן שרײַבן אויף העברעיִש; שפּעטער האָט ער געשריבן אויף ייִדיש און רוסיש. ווען ער איז געווען 14 יאָר אַלט, האָט ער שוין געלייענט ייִדישע, העברעיִשע, רוסישע און אייראָפּעיִשע ליטעראַטור. זײַנע ערשטע לידער זײַנען אַרויס אין אַ האַנט־געשריבענעם זשורנאַל, וואָס ער האָט צונויפֿגעשטעלט אין איינעם מיט לייב קוויטקאָ און משה כאַשטשעוואַצקי. זינט 1920 האָט ער געוווינט אין קיִעוו, ווו ער האָט געאַרבעט פֿאַר *ליטבלעטל*, אַ צוגאָב צו דער צײַטונג *קאָמוניסטישע פֿאָן*.

זײַן ערשטע געדרוקטע לידער־זאַמלונג איז אַרויס אין קיִעוו אין 1922 אונטערן טיטל *אָטעם*:




בײַם סאַמע אָנהייב פֿונעם באַנד וואַרפֿן זיך אין די אויגן אומרעגולערע גראַם־סכעמעס און ווערטער, וואָס האָבן אַ שײַכות צו קרענק און דערמאָנען אין עקספּרעסיאָניסטישער פּאָעזיע:

אויף ווערעמדיקן קויט, אויף קרעץ פֿון שטיין,
מײַן זיידנס מיטוואָך דויערט נאָך און דויערט...
טראָגט מיך אַרום און פּרעסט צו בילמעדיקע מויערס
און קערט מיך אום און לאַכט און לאַכט,

אַז אַלע וועלן סלונעדיק דערגיין,
אויף אַלע צילט אַן עקדעש־נאַכט פֿון איבערבעטן אוראַלט־גרויע.

(*אָטעם*, ז. 4)

פֿינינבערגס טעמעס זענען די גרויסע געשעענישן פֿון יענער צײַט, ער שרײַבט וועגן די שטעטלעך אין די ערשטע יאָרן פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד, וועגן דעם בירגערקריג און די פּאָגראָמען. נחום אויסלענדער באַמערקט, מיט אַן אָנצוהערעניש אויף פֿינינבערגס שורות „אַליין און פֿאַר זיך / בײַ אָפּריס פֿון דורות / זיך איך, פֿאַרוואָרפֿן / די הענט אויף די קניִעס.” (*אָטעם*, ז. 14): „פֿון וואָס פֿינינבערג זאָל ניט אָנהייבן דערציילן, זײַן ליד קערט זיך אַלע מאָל אום צו דעם ,אָפּריס פֿון דוירעס׳, וואָס איז געוואָרן זײַן הויפּט־טעמע“. (*רויטע וועלט*, נומ׳ 7–8, 1926, ז. 123)

*אסתּר האָל*

מקורים


- עזראָ פֿינינבערג, *אָטעם*, קיִעוו, 1922
- https://yivoencyclopedia.org/article.aspx/Fininberg_Ezra
- http://yleksikon.blogspot.com/2018/10/ezra-fininberg.html
- https://ru.wikipedia.org/wiki, Фининберг, Эзра Иосифович
- https://libraria.ua/en/numbers/1199/97985/, ז. 121-129
(נ. אויסלענדער)